## חלק יז תזריע ג

ס"ה: "משא"כ בא די מצות, וויבאלד זייער "נר מצוה" איז פארבונדן מיט אן אור פון א נר גשמי, איז דעריבער...זי קומט בגילוי אין גשמיות העולם. עד"ז בלקו"ש חי"א ע' 281 ואילך.

ס"ו: עדות היא שהשכינה שורה בישראל – עד"ז בלקו"ש חכ"ה ע' 240

ס"ז: "כל התורה ניתנה לעשות שלום בעולם" להעיר דבלקו"ש חט"ו ע' 376 שבהע' 26, דמצוה הקשורה עם **שלום כפשוטו** א"א לדחות - וכולל שאר מצות (**וע"ד** המבואר כאן ס"ה לגבי מעלת מצוה הקשורה עם אור כפשוטו).

סי"א: עייג"כ לקו"ש חט"ו ע' 171-3 (הדלקת רבקה אמנו בפנימיות סימן לבנות כו') שיחות חודש תשרי תשל"ה ובכ"מ.

סי"ב: כללות הסעיף והע' 48: עד"ז בשי' י"ג תשרי תשל"ה ס"ב עיי"ש.

לתגובות והערות:
sichaharchovo@gmail.com

ב. וויבאַלד אַז די צוגרייטונג צו די זעקס וואָכעדיקע טעג איז אין דעם טאָג פון שבת (ווי געזאָגט פריער *), דעריבער, איז אויך דער אַריינפיר פון שבת אָפּגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון פרויען [3], דורך אָנצינדן ליכט ערב שבת, וואָס דערמיט נעמט מען אויף און מען טראָגט אַריין אין הויז די הייליקייט פון שבת:

די ליכט וועלכע מען צינדט אָן ערב שבת איז דאָך אַ מצוה — אַ „נר מצוה", אָבער צוזאַמען דערמיט איז עס אַזאַ „נר מצוה" וואָס דריקט זיך אויס אויך אין גשמיות'דיקע ליכטיקייט [4]. ד.ה. אַז דער „נר מצוה" (פון די נרות שבת) מאַכט ליכטיק אויך אין גשמיות, אַז בשעת מען גייט זאָל מען זעהן וויהין מען גייט; בשעת מען דאַרף נעמען זאַכן זאָל מען זעהן וואָס מען נעמט; א.ז.וו. אין אַנדערע ווערטער: די ליכטיקייט פון דער „נר מצוה" איז אַזאַ ליכטיקייט וועלכע ווירקט אַז מען זאָל ניט געשטרויכלט ווערן ניט בלויז ברוחניות נאָר אויך ניט בגשמיות.

ביז אַז באַ דעם טיש איף וועלכן עס שטייען די נרות שבת, עסט מען (און — אויך דער מאַן און די קינדער), ד.ה. אַז ניט בלויז די ברכות פון קידוש און בענטשן (וואָס פאַרן עסן און נאָכן עסן) זיינען ביי די ליכט, נאָר אויך דער גשמיות'דיקער עסן גופא ווערט באַלויכטן פון דעם נר מצוה וועלכער איז אָנגעצונדן געוואָרן דורך דער פרוי.

און דורך דעם וואָס די פרוי פירט אַריין דעם שבת מיט אָנצינדן אַ נר מצוה — וואָס דורך דעם ברענגט זי אַריין אין הויז די ליכטיקייט און הייליקייט פון שבת, במשך דעם גאַנצן מעת־לעת [5] פון שבת — האָט עס אַ ווירקונג אויך אויף מוצאי שבת, אַז בשעת מען באַגלייט אַרויס דעם שבת און מען גייט אַריין אין די וואָכעדיקע טעג, זאָל אויך דאָס זיין אין אַן אופן פון „ויעקב הלך לדרכו" (אין יעקב'ם וועג).

אַז אויך דער אַריינגאַנג אין די וואָכעדיקע טעג איז מיט אַ פריילעכקייט און מיט אַ רואיקייט [6] — טראָץ דעם וואָס מען ווייס אַז ס'איז וואָכעדיקע טעג — ווייל מען האָט דעם פולן בטחון אין דעם אויבערשטן אַז עס וועט זיין אַ גוטע וואָך און אַ גליקלעכע וואָך, סיי בגשמיות סיי ברוחניות.

---

*) בתחלת השיחה. נדפסה כולה בראש לקו״ש ח״ס. המו״ל.

3) להעיר מל' שו״ע אדה״ז (סרס״ג ס״ה) „שהנשים מוזהרות בו (בנר שבת) יותר מפני שמצויות בבית ועוסקות בצרכי הבית" (כלשון הטור שם בדברי הרמב״ם הל' שבת פ״ה ה״ג. משא״כ ברמב״ם שלפנינו — במלאכת הבית).

4) שמצות אלו השייכות גם לנר גשמי — בהן הוא עיקר הענין ד„נר מצוה", כדמוכח מדחז״ל (שבת כג, ב) דהשכר שבסיום הכתוב (כי נר מצוה ו)תורה אור — הוא דוקא בהזהיר בנרות דשבת וחנוכה.

וראה זח״ב קסו, א: „כי נר מצוה מאי נר דא . . נר דשבת", שמזה משמע אשר במצות אלו [השייכות לנר גשמי] גופא — עיקר הענין דנר מצוה הוא נר שבת.

5) להעיר גם ממחז״ל דב' נרות כנגד זכור ושמור (טור ושו״ע או״ח רסרס״ג) — שענינם ותקפם במשך כל המעל״ע.

6) ראה גם לקו״ת בלק עב, ב.

ג. נאָך אַ ענין אין דעם וואָס די מצוה פון הדלקת נרות שבת איז געגעבן געוואָרן צו פרויען —

עס שטייט אין זהר[7] [און ווי ערקלערט אינדערפרי[8] באריכות], אַז כאָטש דער „אויסוויינקסטער" טעם פון דעם וואָס די מצוה איז געגעבן געוואָרן צו פרויען איז — בכדי אַז זיי זאָלן דערמיט פאַריכטן דעם דורכפאַל וואָס איז אַמאָל געווען דורך חוה'ן,

מצד דעם וואָס חוה האָט אָנגערירט די ליכטיקייט פון דער וועלט וועלכע איז געווען פאַרקערפּערט אין אדם הראשון, דאַרף דעריבער יעדע אידישע פרוי אָנצינדן נרות שבת, און דורך די ליכטיקייט — פאַריכטן און ערגענצן די ליכטיקייט וואָס האָט זיך געפעלט דורך חוה'ן[9],

איז אָבער דער אינערלעכסטער טעם (די נשמה[10] פון דעם טעם) איף דעם וואָס די מצוה האָט מען געגעבן צו פרויען[11] — דאָס וואָס מען האָט פאַרטרויט די מצוה פון נרות שבת צו די פרוי — איז עס אַ ענין פון „יקרא", טייערקייט און כבוד, דער אויבערשטער האָט זיי אויסגעקליבן און זיי געגעבן דעם זכות און די כחות —

צו אויפשטעלן „בנין קדישין דיהון בוצינא דעלמא", אויפשטעלן קינדער וועלכע וועלן באַלייכטן די וועלט, דורך דעם וואָס זיי וועלן פאַר־קערפּערן דעם נר מצוה ותורה אור אין זייער טאָג טעגליכן לעבן;

צו „יסגון שלמא בארעא" — פאַרגרעסערן שלום (און צופרידנקייט) אין דער גאַנצער וועלט (אויך דורכן שלום בית[12] — וואָס ווערט פאַרגרעסערט אין זייער אייגענע הויז דורך די נרות שבת);

צו „יהיבת לבעלה אורכא דחיין" — אַז דורך די נרות שבת וואָס די פרוי צינדט, ברענגט זי פאַרלענגערטע גוטע לעבעדיקע יאָרן פאַר דעם מאַן, און אויך[13] פאַר זיך, פאַר די קינדער און קינדס קינדער.

ד. וויבאַלד אַז דורך דער מצוה פון הדלקת נרות שבת ברענגט מען ליכטיקייט אין הויז און אין דער גאַנצער וועלט — איז פאַרשטאַנדיק, אַז אַזוי ווי בנוגע גשמיות'דיקע ליכטיקייט, איז בשעת אַז ס'איז סיי ווי ליכטיק נאָר ניט געהעריק שטאַרק ליכטיק, איז געוווג אַז מען זאָל אָנצינדן אין

---

7) בראשית מח, ב. וראה הערות אאמו״ר (בלקוטי״צ) לזהר שם.

8) בההתוועדות דשבת בראשית.

9) ב״ר ספי״ז. תנחומא ר״פ נח וס״פ מצורע.

10) ראה זח״ג קנב, א.

11) ואף שטעם זה נקרא בזהר שם בשם „רזא" — מכיון ש„בדורות אלו האחרונים מותר ומצוה לגלות זאת החכמה" (אגה״ק סכ״ו בשם האריז״ל), הרי בדורות אלו נמשכים הרזין בגילוי.

12) והרי ה„בית" — הוא גם חלק מ„בארעא".

13) וע״ד שבמדה שאדם מודד בה מודדין לו (סוטה ח, ב במשנה). וי״ל דעוד יותר — כיון שהיא הממשיכה חיים לבעלה.

ליכטל אָדער אין לעמפּל, אָבער אַז עס ווערט טונקעלער דאַרף מען אָנ־צינדן מער ליכט און מער לאָמפּן.

אַזוי איז אויך בנוגע די ליכטיקייט אין הויז און אין וועלט וואָס ווערט אויפגעטאָן דורך נרות שבת: אין פריערדיקע דורות, ווען די אידישע הייזער זיינען געווען מער דורכגענומען מיט די ליכט פון אידישקייט און אין זיי זיינען ניט געווען אַריינגעטראָגן פרעמדע געדאַנקען, געדאַנקען פון „גאַס", ווען אַפילו די אויסווייניקסטע וועלט איז געווען ליכטיקער, ז' איז ניט געווען אַזוי ווילד ווי היינט — איז געווען געגוג אַז מען האָט געצונדן איין ליכט, צוויי ליכט א.ז.וו. (ווי די הנהגה איז דאַן געווען).

אָבער היינטיקע צייטן, ווען אין וועלט איז געוואָרן ווילדער און פינסטערער, און אַפילו אין די אידישע הייזער ווערן אַריינגעטראָגן (כאָטש אויף אַ כשר'ער וועג) די געדאַנקען פון „וועלט" — דאַרף מען איצטער צוגעבן און ליכטיקייט.

און דעריבער איז ניט געקוקט אויף דעם וואָס אַמאָליקע יאָרן האָט מען זיך באַנוגנט (אין פיל קרייזן) דערמיט וואָס די מוטער האָט געבענטשט ליכט — און די טעכטער — ובפרט די גאָר קליינע מיידעלעך — האָבן יוצא געווען דערמיט וואָס די מוטער האָט געבענטשט.

איז אָבער אין היינטיקע צייטן, דאַרף מען זעהן אַז יעדע אידישע טאָכטער זאָל אַליין צינדן ליכט און מיט אַ ברכה, ביז אַפילו די גאָר קליינע מיידעלעך וואָס זיינען בגיל חינוך, מען קען זיי געבן צו פאַרשטיין די באַדייטונג פון הדלקת נר שבת[14].

צוגעבנדיק — אַז דאָס איז אַ שליחות פון אויבערשטן, ער אַליין גיט כחות צו דער קליינער מיידעלע, אַז דורך דעם וואָס זי וועט צינדן אַ ליכט אין איר לייכטער, וועט זי אַריינברענגען ליכטיקייט און השראת השכינה — אידישקייט און ג־טלעכקייט — אין דער הויז.

איז זיכער, אַז בשעת מען וועט איר מסביר זיין דאָס אויבנגעזאָגטע, וועט זי גלייך דערפילן ווי גליקלעך זי איז און זי וועט וועלן גלייך דאַנקען דעם אויבערשטן פאַר דער טייערער שליחות וואָס ער האָט איר געגעבן, וואָס דער דאַנק ווערט אויסגעדריקט דורך דער ברכה וואָס מען מאַכט פאַר ליכט-צינדן.

ה. בכדי צו האָבן אין דעם אַלעם נאָך מער הצלחה — איז דאָך באַוואוסט דער גוטער מנהג אַז פאַר ליכט צינדן ערב שבת לייגט מען אַריין עטליכע פּרוטות אין אַ צדקה־פּושקע —

---

14) פשוט ומובן מעצמו — שכל הבא לקמן הוא גם בנוגע להדלקת נרות יום טוב — אף שבשעת השיחה דובר רק „מעניגא דיומא", (מוצאי) שבת.

ומהאי טעמא ווערט רוחניות באַ־צייכנט מיטן נאָמען אור — ווייל צווישן אַלע דברים גשמיים שבעולם, איז אור[42] דער נברא הכי רוחני.

ו. דער ביאור הנ״ל בנוגע צו אור, גיט אויך אַ הסברה אין דעם מאמר חז״ל[43] בנוגע די נרות המנורה — „עדות היא לבאי עולם שהשכינה שורה ביש־ראל" (מצד דעם נס וואָס איז געווען ביים נר מערבי — „ממנה הי' מדליק ובה הי' מסיים").

דלכאורה איז ניט מובן[44]: פאַרוואָס איז דער נס פון נר מערבי אויסגע־טיילט פון אַלע „עשרה נסים (וואָס) נעשו לאבותינו בבית המקדש"[45], וואָס דוקא דער נס איז געווען אַן עדות „שה־שכינה שורה בישראל"? ולכאורה אדרבה: די מנורה איז געשטאַנען אין היכל וואו ניט יעדער האָט געקענט אַריינגיין: דאַקעגן זיינען אַ טייל פון די עשרה נסים געווען בעזרה[46] און אַזוי אַרום זיינען זיי געווען (מער) „ידועים לכל"[47].

וע״פ הנ״ל איז עס מובן, ווייל אור (אויך אור גשמי) — איז מער כלי צום אור השכינה. און דעריבער, ווען דער אור השכינה (וואָס איז העכער פון עולם) ווערט פאַרבונדן מיט אַ (גשמיות'דיקן) אור, האָט עס אַ שטאַר־קערע ווירקונג אין באַלייכטן די וועלט מיט אור השכינה, און דערפאַר האָט דוקא דער נס (מיטן אור המנורה) באַ־איינפלוסט די „באי עולם" זיי זאָלן אנערקענען „שהשכינה שורה ביש־ראל".

און דערמיט איז אויך פאַרשטאַנדיק פאַרוואָס די הצלה רוחנית פון חנוכה איז געווען פאַרבונדן מיטן נס פון פך השמן דהמנורה: דאָס איז ניט קיין זייטי־קער נס, נאָר אין דעם האָט זיך אויסגע־דריקט דער נצחון פון ימי החנוכה:

די אַנערקענונג פון „תורתך" און „חוקי רצונך" — אַז ביי אידן איז מאיר (כנ״ל ס״ד) דער אור אלקי וואָס איז העכער פון שכל אנושי (וגדרי הבריאה) —איז אַרויס בגילוי אין (א) אַ נס (שנס — הוא מורם ולמעלה מגדר הטבע), און (ב) בשייכות מיט אור המנורה, וואָס איז אַ כלי צו דעם אור אלקי וואָס איז העכער פון בריאה, וואָס דערפאַר איז „עדות היא לבאי עולם שהשכינה שורה בישראל".

ז. ע״פ כל הנ״ל ווער מען אויך פאַרשטיין וואָס די גמרא זאָגט „מאי חנוכה" — על איזה נס קבעוה, און דערמאָנט בלויז דעם נס פון פך השמן און דערמאָנט אינגאַנצן ניט דעם נס פון נצחון המלחמה — ווייל בשעת מען רעדט וועגן דעם מהות פון חנוכה („מאי חנוכה"), איז דאָס דער נס פון נרות חנוכה, וועלכער ווייזט אויף דעם אור רוחני (נר מצוה) וואָס האָט מאיר גע־ווען דורכן נצחון רוחני.

און אע״פ אַז דער נס גשמי איז גע־ווען די הקדמה און די סיבה פון דעם נס רוחני (וואָרום לולא דעם נצחון המלחמה וואָלט ניט געקענט זיין חנוכת המקדש ובמילא אויך ניט דער נס

42) אף שיש ענין באויר שהוא למעלה מאור (אויר — יו״ד אור) ושרש האור — כמבואר בדרושי חנוכה (בת״א, שערי אורה, סהמ״צ להצ״צ וכו׳). ואכ״מ.

43) שבת כב, ב. וש״נ.

44) לכללות סעיף זה — ראה גם לקו״ש חי״ז ע׳ 143 ואילך.

45) אבות פ״ה מ״ה. יומא כא, א.

46) ואחדים — גם בירושלים מחוץ לעזרה.

47) ל׳ רש״י יומא שם, סע״א. ע״ש.

דער ע״ש [און די תורה איז מעיד אז ער איז געווען „בא בימים וה׳ ברך את אברהם בכל״ [47], וואָס דאָס מיינט דאָך זיכער אויך (אָדער — וכל שכן) אין רוחניות], און פונדעסטוועגן איז אין זיין (ווי אין יצחק׳ס) הדלקה ניט געווען דער ענין נפלא פון „נר דלוק מע״ש לע״ש״ [48] — ווי דאָס איז געווען ביים ליכט־צינדן פון שרה און דערנאָך ביי רבקה ווען זי האָט אָנגעהויבן צינדן ליכט צו דריי יאָר.

און דאָ זעט מען דעם געוואַלדיקן כח וואָס ליגט אין דער מצוה פון הדלקת הנרות אפי׳ פון גאָר קליינע דריי־יאָריקע אידישע מיידעלעך, וואָס יעדע אידישע טאָכטער ווערט אָנגערופן: בת שרה רבקה רחל ולאה, אז דורך אירער הדלקת הנר ווערט באַלויכטן דאָס גאַנצע הויז במשך פון אַ גאַנצער וואָך, ביז דעם קומענדיקן ע״ש.

דער אונטערשייד איז אין דעם, וואָס די נרות וואָס שרה און רבקה האָבן געצונדן האָט זייער ליכטיקייט גע־פועלט און באַלויכטן אָפּנעהדהייט די גשמיות פון שטוב, וויבאַלד דער גשמיות׳דיקער נר האָט (בדרך נס) געברענט מע״ש לע״ש;

אָבער בפנימיות הענינים איז דאָס אַזוי ביי יעדערער וואָס בענטשט ליכט. הגם אַז בעיני בשר זעט מען דאָס ניט, וואָרום — וויבאַלד אַז „מעשה אָבות״ איז אַ „סימן״ און אַ נתינת כח ל„בנים״ [49] — האָט יעדערע, וואָס איז בת שרה רבקה וכו׳ דעם כח אַז די מצוה ליכטיקייט פון איר שבת־ליכט זאָל פועל זיין אויף דער גאַנצער וואָך.

ח. נאָך אַן ענין נפלא — דוקא בהדלקת נרות פון קטנות: בשעת חז״ל זיינען מפליא דעם ענין פון הבל פון לימוד התורה אַז אויף דעם האַלט זיך די וועלט [49*] — זאָגן זיי גלייך דערביי אַז דאָס איז הבל שאין בו חטא, פון תינוקות של בית רבן דוקא.

דערפון איז פאַרשטאַנדיק בנוגע דער מעלה פון דער הדלקה ועשיית היד שאין בו חטא דוקא.

עפ״ז איז אָבער צ״ע: די אויבענדערמאָנטע מעלה איז דאָך ביי אַלע מצות וענינים וואָס קטנים וקטנות טוען מצד חינוך — ולא אשתמיט בספרים מבאר זיין בזה?!

ט. דער טעם וואָס דוקא די נרות פון שרה און רבקה (און אַזוי אויך די נרות פון אַלע זייערע טעכטער — אַלע אידישע פרויען און מיידלאַך — אין אַלע צייטן) האָט געברענט מע״ש לע״ש און ניט די נרות פון אברהם (און בני ישראל בכלל), איז פאַרשטאַנדיק פון דעם מרז״ל [50] אַז דער

47) פרשתנו כד, א.

48) ואין לומר שגם הנרות שהדליק אברהם היו דולקים מע״ש לע״ש אלא שהדליק באהל אחר משא״כ באהל שרה שלאחר שמתה לא היו נרות דולקים, דלפי״ז אין מתאים (ובפרט להגירסא שבדפוס ראשון ושני (הובא לעיל הערה 3) נר דלוק באהל) הל׳ „ומשמתה פסקו״, דמשמעו שפסקו הנסים, שלא היו דולקים מע״ש לע״ש כו׳, יהרי לפי הנ״ל לא הדליקו נרות שם כלל.

49) ראה רמב״ן לך יב, ו. וראה ב״ר פ״מ, ו. ועוד.

ובפרט ע״פ מרז״ל שקיום המצות לאחר מ״ת הוא במדרי׳ נעלית יותר מקיום המצות של האבות, ודוקא לאחר מ״ת המצות פועלות בגשמיות העולם (ראה שהש״ר פ״א, ג (א). וראה לקו״ש ח״ה ע׳ 79 וע׳ 88. ושי״נ).

49*) שבת קיט, ב.

50) יבמות סג, א.

ענין פון דעם מאן באשטייט אין דעם וואס ער איז „מביא חטין", נאר אין ברענגען זיי אין שטוב אריין; און די ארבעט, פון דער פרוי, פון „עזר כנגדו" איז צו פארוואנדלען די חטים אין א מאכל הראוי לאדם.

ד.ה. דער אויבערשטער האט איינגעשטעלט די טבע פון וועלט אין אזא אופן, אז „איש דרכו לכבוש" [51] — צו דעראבערן זאכן פון דער דרויסנדיקער וועלט און זיי אריינברענגען אין זיין הויז; דאקעגן די פרוי איז, אדרבה, „כל כבודה בת מלך פנימה" [52] — און דעריבער אלס די עקרת הבית איז איר אויפגאבע פנימה — אינעווייניק, אין הויז, צו מתקן זיין און איבערמאכן אט די אריינגעבראכטע זאכן זיי זאלן זיין ראוי לאדם, ביז צו ראוי, כביכול לאדם העליון.

און דעריבער, בשעת אברהם האט געבענטשט ליכט, וויבאלד ס'איז ניט זיין תפקיד צו פארנעמען זיך מיט צרכי הבית, האט דאס ניט געדארפט ווירקן ברייננגען א נס צו באלייכטן די הויז אין גשמיות'דיקן זין מער ווי ע"פ טבע — ניט דאס איז זיין עבודה.

דוקא שרה ורבקה, און נאך זיי אלע בנות שרה ורבקה כו' אלע אידישע טעכטער, וואס דער אויבערשטער האט זיי געגעבן דעם תפקיד און די שליחות צו עוסק זיין אין די צרכי הבית [53], און אויפצוטאן אויך אין די גשמיות'דיקע ענינים פון שטוב, האבן זיי די שליחות און דעם כח צו באווירקן און באלייכטן מיט זייערע נרות די גאנצע שטוב און במשך פון דער גאנצער צייט, אז אין משך פון אלע וואכן־טעג זעט מען אז דאס איז א שטוב וואס בת שרה ורבקה האט אין איר אנגעצונדן א נר שבת.

יו"ד. ע"פ הנ"ל וועט מען אויך פארשטיין דעם סדר פון די דריי זאכען אין פירש"י — בפנימיות הענינים:

מפרשים [54] זאגן אז די דריי ענינים וואס רש"י ברענגט, „נר דלוק מע"ש לע"ש ברכה מצוי' בעיסה וענן קשור על האהל", זיינען קעגן די דריי מצות וואס זיינען אנגעזאגט געווארן (במיוחד) צו אידישע טעכטער: חלה, נדה (טהרת המשפחה) און הדלקת הנר. דורך אפהיטן די מצוה פון הדלקת הנר איז „נר דלוק מע"ש לע"ש", די זהירות אין מצות חלה פועל'ט עס זאל זיין „ברכה מצוי' בעיסה", און דורך דער זהירות אין מצות נדה איז מען זוכה צו „ענן קשור על האהל" — טהרה ברענגט דעם „ענן" השכינה [55].

און בהתאם צום סדר הזמן פון די דריי מצות האט רש"י אויסגעשטעלט דעם סדר פון דריי זאכן (וואס זיינען אפהענגיק פון די דריי מצות): באלד ווי די מיידעלע קומט צום גיל החינוך הויבט זי אן אפהיטן די מצוה פון הדלקת הנר („נר דלוק מע"ש לע"ש"); שפעטער, ווען זי ווערט עלטער און זי

51) שם סה, כ. הובא בפרש"י בראשית א, כח.

52) תהלים מה, יד.

53) נסמן לעיל הערה 33.

54) חזקוני (ריב"א), גו"א, רע"ב, באר מים חיים. ועוד.

55) עד"ז הוא בגו"א. ובחזקוני (וריב"א): ענן דוגמת נדה שהענין שלהם חוזר ושוב פוסק וחוזר. וברע"ב: שאוהל לשון תשמיש. ובבאר מים חיים „שכל דמי' ואיברי' כבדים ועכורים בענן זה". ובשל"ה (שם) „ענן קשור .. כמ"ש ופקדת את נוך וידעת כי שלום אהלך".

הויבט אָן צו העלפען אין שטוב־ארבעט, איז זי אויך עוסקת בעיסה („ברכה מצוי' בעיסה"), און נאָך שפּעטער, בעת זי האָט חתונה, איז זי דעמאָלט מקיים די מצות נדה — טהרת המשפחה („ענן קשור על האהל").

פון דעם אַלעם איז פאַרשטאַנדיק דער גודל הזכות וואָס ס'איז דאָ אין דער השתדלות אַז יעדע אידישע מיידעלע, ווי נאָר זי איז הגיעה לחינוך, זאָל צינדן ליכט בכל ערב שבת קודש (ועיו"ט).

און דורך הדלקת נר שבת וועט מען זוכה זיין, ווי ער זאָגט אין ילקוט שמעוני[56], צו די נרות ציון וואָס דער אויבערשטער וועט ווייזן, בקרוב ממש בגאולה האמיתית והשלימה.

(משיחות כ"ף מר־חשון וש"פ חיי שרה, תשל"ה)

56) ר"פ בהעלותך.

דערנאך – האט די קשיא כלכתחילא קיין ארט ניט. (בלויז ווי געזאגט – אגב חורפי׳ שבשהא): כ׳איז מחנך אין ציצית; ס׳איז ניטא קיין חילוק פון טלית גדול ביז טלית קטן; ס׳איז ניט דער פשט אז ער איז ניט מחנך א קינד אין מצות ציצית, אז ער געוויינט איין דעם קינד ער זאל אנטאן א טלית קטן – איז ער אים מחנך אין מצות ציצית; אין מצות חינוך איז ניטא צוויי חינוכים – איין חינוך אויף א טלית קטן, און איין חינוך אויף א טלית גדול, ס׳איז די זעלבע מצוה, וואס דערפאר איז דער דין אז בשעה מ׳מאכט א ברכה אויף דעם טליה קטן איז א גאנצע שאלה ווי אזוי וועט ער קענען דערנאך מאכן די ברכה אויפ׳ן טליה גדול, כמבואר.

דערנאך איז פאראן נאך אן ענין וואס קומט בהמשך להמדובר לפני"ז: עס האט זיך גערעדט דאס ויאס דער זהר איז מוסיף אויף דער גמרא, און דורך דעם ווערט פארענטפערט א תמי׳ וואס איז דא אין גמרא, וואס איז לכאורה אינגאנצן ניט פארשטאנדיק: די גמרא זאגט אז הרגיל בנר איז זוכה <u>לבנים</u> תלמידי חכמים, און דערנאך ברייננט אראפ די גמרא דעם סיפור אז ס׳איז אויך אזוי בנוגע צו חתנים ת"ח, ווי מ׳לערענט דאס אפ פון דעם פסוק כי נר מצוה ותורה אור, אז דורך נר מצוה – א נר וואס איז פארבונדן מיט א מצוה ווערט דערנאך אין הויז דער ענין פון תורה אור.

וואס לכאורה ווערט דא בלייך די שאלה: פארוואס דארף מען דאס אריבער טראגן צו בנים? ער קען דאך דאס זאגן בנוגע צו זיך אליין, – אז דערפאר וועט ער זיין א ה"ח? איי איז דאך די שאלה: אויף דעם דארף מען דאך אנקומען צו יגיעה – לא יגעת ומצאה אל תאמין און ס׳איז ניטא קיין אנדערע וועג לזה, איז דאך דא די זעלבע שאלה אויך בנוגע צו <u>בנים</u> ת"ח; כדי אז די בנים זאלן ווערן ה"ח מוז זיין יגיעה ולא יגעת ומצאה אל תאמין? מוז מען דאך זאגן דער פירוש בזה, אז דאס וועט זיי העלפן זיי זאלן האבן א רצון אויף יגיעה; איז די זעלבע זאך קען דאך זיין בא דעם וואס ער איז זהיר בנר בא זיר אליין?

און דער ביאור בזה איז מובן לפי דעם זהר פ׳ תרומה (קסו, א), און מער באריכוה אין זהר חדש אין רות (פו, ג): דארט ווערט דערציילט אז דורך דעם נר מצוה פון דער אשה ווערט בא דעם <u>בעל</u> דער ענין פון תורה אור, און ווי ער זאגט אין זהר דארטן אז אעפ"י וואס נשים זיינען ניט מחייבא באורייתא, זיינען זיי אבער מחייבא בנר מצוה – בשרגא פון שבת, 'און דער שרגא פון שבת של האשה מיט דעם חיב באורייתא פון דעם בעל גייען צוזאמען און ער ברייננט דארטן אויף דעם א גאנצן סיפור המעשה,

ס׳איז ניט קיין פלא וואס אין גמרא ברייננט זיך דאס ניט, ווארום עס איז דא בכמה ענינים וואס די גמרא ברייננט בלויז דעם חידוש און ברייננט ניט דעם עיקר, וואס דאס איז מובן מעצמו, ובענין זה: די גמרא איז מחדש אז אויב מאיזה סיבה שתהי׳ דארף ער אליין דערצו ניט אנקומען, צי ער איז א ת"ח בלא"ה, אדער ווי די גמרא אין שבה איז מסיים לאו בר הכי הוא, ער איז ניט שייך דערצו – מאיזה סיבה שתהי׳, וואס עס קען גאר זיין אז ער איז ניט שולדיק, אעפי"כ וועט מקויים ווערן בנוגע צו א בן און וועט מקויים ווערן בנוגע צו אן איידעם אז זיי זאלן זיין ה"ח, ע"ד ווי ער ברייננט אויך אין זהר אז אויב עס קען ניט אויסגעפירט ווערן בנוגע צו דעם אב, ווערט דאס אויסגעפירט בנוגע צו בנים ה"ח, ד.ה. אז דער זהר איז משלים האמור בגמרא,

וואס דאס קומה בהמשך להאמור לעיל אין דעם פארברייננגען פון שבת, וויבאלד אז איצטער, בנוגע שידוכים, צי דאס איז גוט צי ניט גוט,

אבער טעכטער שטעלן אויף זיך אסאך מער ווי מ'האט געשטעלט אין זמן הע"ב בנוגע צו ציווי האם, דערפאר קומט צו אויך א סגולה נוספת און א ענין נוסף אין הדלקת הנרות ע"י בנוה עצמט וויבאלד אז דערנאך, אז ס'וועט קומען צו טאן א סידוך, וועלן זיי וועלן האבן מער דעה ווי ס'איז געווען אין דורות שלפני"ז, איז וויבאלד אז ס'קומט צו א ענין של בקעה דארף צוקומען אין דעם ענין פון גדר בה גדר - א הוספה אין עניניס פון אור אין עניניס פון מצות בכלל, ובפרט אין די מצות וואס נשים ובנות זיינען מחוייב במיוחד ובהצטיינות און זיינען אין דערויף מהדר ביותר וביותר.

ויהי רצון אז מ'זאל מוסיף זיין אין השתדלות פון הדלקת הנרות ע"י בנוה, אפי' נאך קודם הנישואין, און אפילו די וואס זיינען ערשט געקומען לגיל חינוך,

און דא קומט צו נאך א זאך, וואס דאס וועט אויך אראפנעמען בלא"ה די שאלה: בשעת א בת שהגיעה לחינוך, פאר בת מצוה, צינדט אן א נר איז בעצם - די מצוה מוטלת על האב, כידוע אז דער ענין פון חינוך איז, אז די מצוה סוט דער גוף פון דעם בן אדער די בת, אבער אויף וועמען איז מוטל מצות חינוך - על האב, ד.ה. אז דער אב זעט אז די בת שהגיעה לחינוך, קודם בת מצוה, זאל אנצינדן די ליכט, איז ער מקיים מצות חינוך, און דורך דערויף ווערט בא אים דערנאך אן איידעס וואס איז א ת"ח,

ס'איז בלויז וואס ליתר שאת האט מען אויך מוסיף געווען אז ס'איז דא די עניניס וואס עס קומט אויכעט דעם קטן און די קטנה שהגיעו לחינוך שכר פאר היטן א מצוה, ובמכש"כ וק"ו: מה-דאך, ווי דער אלטער רבי ברייננגט אראפ אויכעט אין שו"ע (או"ח סי' שמ"ג סעי' י"א) אז אויף א דבר בלתי רצוי וואס מ'האט בקטנותו, דארף מען דערנאך טאן א תיקון לכשיגדל, אעפ"י וואס ער האט דאס געטאן בקטנותו,- איז דאך מרובה מדה טובה חמש מאות פעמים ככה (סוטה יא, א בתוספות ד"ה מרים) (כמדובר לעיל), איז זיכער קומט זיי דער שכר פאר די עניניס וואס זיי האבן געטאן בתוך חינוך, ובמיוחד דער שכר וואס איז פארבונדן אלס אן עקרת הבית, וואס דאס איז דאך דער עיקר תפקידה של האשה להקים בתים בישראל,

ביז בתי כהונה ובתי מלכות, ביז בתי כהונה פון כהן גדול בבית המקדש השלישי שיבנה במהרה בימינו, ע"י בתי מלכוה - דורך משיח בן דוד, בעגלא דידן.

ג. מ'האט געערדט כמה פעמים דאס וואס שטייט אין שו"ע הל' הודאה, אז בשעת עס קומט א שאלה אין א ענין שהזמן גרמא און א שאלה אין א ענין שאין הזמן גרמא, באטש דאס איז א מצוה חשובה און הלכה חשובה וכו', איז דעמולט, עפ"י <u>דין</u>, דארף מען פריער ענטפערן אויף די שאלה שהזמן גרמא, און ס'איז דאך פארשטאנדיק דער טעם אויכעט בפשטות,

ועד"ז בנוגע לעניננו: אעפ"י וואס עס רעדט זיך וועגן חמשה מבצעים, און ס'רעדט זיך וועגן דעם מבצע הדלקת נרות, איז ניט נאר וואס ס'טאר ח"ו ניט פארגעסן אויף דעם ענין שהזמן גרמא - די מצוה פון מזכה זיין אידן מיט מצות סוכה און מיט מצות נטילת ד' מינים, וואס דאס הויבט זיך אן בחמישה עשר בחדש - ולקחתם לכם ביום הראשון, אבער די הכנות לזה, כדי מ'זאל דאס קענען דעמולט מקיים זיין, דארפן דאך זיין מבערב יו"ט וכאמור דאס איז א ענין - א מצוה - שהזמן גרמא, און אויך די הכנות זיינען עניניס שהזמן גרמא, און זיי קומען פריער - פאר די איבעריקע עניניס,

- וגם -

<u>הנחה הח' בלתי מוגה</u>